# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת בשלח
תשע"ט לפ"ק
גליון ג'

## שאלה

### זאל איך פארזעצן צו מתפלל זיין אויף עפעס וואס איך בעט שוין זייער לאנג, און איך בין נאכנישט געהאלפן געווארן?!

## ענטפער:

יא. "קוה אל השם, חזק ויאמץ לבך וקוה אל השם" – האף צום אויבערשטן, שטארק דיין הארץ און האף ווייטער צום אויבערשטן (תהלים כז, יד). געב קיינמאל נישט אויף קיין האפענונג. האלט אן צו רעדן צו השי"ת.

עס זענען דא צוויי בענעפיטן. ערשטנס כל, אז דו וועסט נאכאנאנד איבער'חזר'ן דיין געבעט, אפשר וועט הקב"ה דיך באטראכטן אלס ווערד צו געהאלפן ווערן בלויז וועגן דעם – בלויז דערפאר ווייל דו ווענדסט זיך צו אים אגאנצן צייט. מעגליך אז ער וועט דיך באטראכטן אלס ווערד און דיר נאכגעבן דיין געבעט.

און אפילו אויב חלילה, הקב"ה זעהט אלס פאסיג צו איגנארירן דיין געבעט, האסטו גאר אסאך פארדינט! ווייל תפלה טוישט א מענטש. ווען דו רופסט צום באשעפער פון די טיפעניש פון דיין הארץ, רעדסטו פאקטיש צו עמיצען, און דו ווערסט מער באוואוסטזיניג אז ער שטייט פארנט פון דיר און הערט אויס. און דאס איז איינס פון די גרעסטע בענעפיטן וואס דו קענסט נאר אמאל פארדינען – מער באוואוסטזיניגקייט אין השי"ת.

דאס איז פארוואס דאווענען איז אזוי וויכטיג. ווען א מענטש שטעלט זיך אויף צו דאווענען שמונה עשרה שטייט ער בעפאר דעם קעניג. מיר זעען אים נישט, אבער ער זעהט אונז. ער הערט יעדעס ווארט. "כי אתה שומע" – דו הערסט זיך צו צו דיין פאלק. און דו הערסט אויס "ברחמים", מיט רחמנות. ווען מענטשן דאווענען, און דאווענען נאכאמאל און נאכאמאל, זאלן זיי וויסן אז זיי לערנען א גרויסע לימוד – דער גרויסער לימוד פון אמונה אין השי"ת. און דערפאר, אויב וועט השי"ת דיר צוהערן און דיר געבן דיין געבעט, זייער גוט. און אויב נישט, איז אויך גוט, וויבאלד דו ביזט שוין געשטיגן אן א שיעור.

## שאלה

### פארוואס ווערן נישט אלע עסנווארג באשאפן גרייט צום עסן?

## ענטפער:

הקב"ה וויל אז מיר זאלן ארבעטן אויף דער וועלט. עס איז זייער וויכטיג אז מיר זאלן זיך האלטן פארנומען. אויב וואלטן מיר געלעבט אן קיין עול ווי אדם הראשון אין גן עדן, וואלטן מיר אריינגעפאלן אין עבירות. און דאס איז פארוואס ווען אדם האט געוויזן אז גענצליכע פרייהייט איז א סכנה פאר אים, און ער איז אריינגעפאלן אין זינד, האט השי"ת געזאגט, פון יעצט אן "בזיעת אפיך תאכל לחם" – מיט די שווייץ פון דיין שטערן וועסטו עסן ברויט. דו דארפסט ארבעטן שווער פאר דיין ברויט, עס איז א ברכה צו ארבעטן. "גדולה מלאכה", ווייל ווען דו ביזט פארנומען צו ארבעטן, האלט דיך עס אוועק פון צרות.

אויב אלעס וואלט געווען גרייט צו נוצן, וואלט מען קיינמאל נישט געדארפט באקן, און פרויען וואלטן ארויס פון די גלייזן. עס איז א ברכה אז זיי שטייען אין קאך, און דארטן איז דא גרויסע געלעגנהייטן. א פרוי וואס שטייט ביי די גאז-רענטש איז אזוי ווי א כהן ביים מזבח און זי איז מקריב קרבנות. זי איז זיך אליינס מקריב אויפ'ן גאז-רענטש פאר די טובה פון איר פאמיליע.

הקב"ה האט אויספלאנירט די וועלט צו ארבעטן, ארבעטן איז זייער א וויכטיגע ברכה אין דער וועלט, גדולה מלאכה! ווי גרויס איז

צו ארבעטן. מאכט נישט קיין טעות וועגן דעם, אדם האט באקומען די ברכה "בזיעת אפיך", מיט די שווייץ פון דיין שטערן. "טוב תורה עם מלאכה" - דו דארפסט ארבעטן אין דער וועלט, "שיגיעת שניהם משכחת עון" – זיך פלאגן אין תורה און זיך פלאגן אין ארבעט, מאכט מענטשן צו פארגעסן פון זינדיגן.

און דערפאר ווען הקב"ה האט געמאכט אן איוסנאם און האט אונז געגעבן פרוכט, טוט ער אונז דערמאנען פון אונזער ארגינעלע שטאנד. אונזער ארגינעלע שטאנד איז געווען פלאנירט צו זיין גענצליך פרייע צייט, און הנאה האבן פון די פרוכט אין גן עדן. אין חמשה עשר בשבט גייען מיר צוריק אין גן עדן פאר א קורצע באזוך און מיר באטראכטן די פרוכט, און מיר נוצן עס אויס פאר די צוועק פארוואס די וועלט איז באשאפן געווארן. דאן גייען מיר צוריק צו אונזער ארבעט, "ששת ימים תעבוד" – זעקס טעג זאלסטו ארבעטן, "ועשית כל מלאכתך". ווען עס קומט שבת, דאנק השי"ת פאר'ן שבת, און שבת דאנק השי"ת אז ער האט דיר געגעבן זעקס טעג צו ארבעטן.

טראכט וועגן דעם: דאנק השי"ת אז ער האט דיר געגעבן זעקס טעג אויסצופירן אלע דיינע פלענער, צו ארבעטן, זיך אליינס אויסצוארבעטן, צו אנטוויקלען די בענעפיטן אין דיין כאראקטער וואס קומט פון ארבעטן, גדולה מלאכה. שבת איז אזוי ווי געבן מעשר. ווען דו גיבסט א צענטל פון דיינע פארדינסטן פאר'ן אויבערשטן, דאנקסטו אים פאר די אנדערע 9 צענטלעך, און ווען דו האלטסט שבת פאר'ן אויבערשטן, דאנקסטו אים פאר די אנדערע זעקס טעג. "ששת ימים", זעקס טעג זאלסטו טון דיין ארבעט, א ברכה פאר זעקס טעג, עס איז א גליקליכקייט די זעקס טעג, געלעגנהייטן פון זעקס טעג, וויבאלד די ארבעט זעלבסט איז איינס פון די גרעסטע טובות וואס השי"ת גיבט פאר די מענטשהייט.

## שאלה

**דער רב האט גערעדט פריער אינעם שיעור וועגן אונזער אויפגאבע צו ווערן גרויס אין די אויגן פון השי"ת. וויאזוי הייבט מען אן דעם וועג אין ריכטונג צו דעם ציל?**

## ענטפער:

ערשטנס כל, א מענטש דארף זוכן "מאָדעלן". ער זאל זיך אומקוקן פאר ביישפילן פון וועם ער קען זיך אפלערנען. יעצט, עס זענען דא אלע סארט מאדעלן, אבער ער זאל זיך אומקוקן פאר א מאדעל אויף איינעם וואס איז מצליח אין ערליכקייט, אזא סארט וואס ער שפירט אז ס'איז געאייגנט פאר אים נאכצומאכן.

לאמיר זאגן א פרוי. א פרוי זאל זוכן אן אנדערע פרוי, און זי זאל זאגן צו זיך, "וועלכע פרוי קען איך נאכמאכן, א פרוי וואס נוצט אויס איר איבריגע צייט פאר גרויסע עררייכונגען?" עס איז דא א פרוי פון דא, נישט צו ווייט פון דא, וואס איז פארנומען צו העלפן ארימע מענטשן. איך קען איר, און זי שלעפט זיך שטענדיג מיט פעקלעך פאר נויטבאדערפיגע. זי נעמט צוזאם קליידער און העלפט משפחות. זי העלפט ארימע מיידלעך צו חתונה האבן. זי טוט אסאך גוטע זאכן. איינער קען באשליסן איר צו נוצן אלס א "מאדעל".

יעצט אנדערע פרויען קענען וועלן נוצן א מאדעל פון א צווייטן, פון אזא איינעם וואס קוקט אסאך אין ספרים, און פארטיפט זיך אינעם אויבערשטנס גוטסקייט, און לייננט תורה-ווערק. אן אנדערער וועט וועלן נאכגיין די מאדעל פון א פרוי וואס שרייבט. עס זענען דא פרויען וואס שרייבן און בארייכערן אונזער ליטעראטור מיט תורה-מעשיות פאר קינדער, אינספירירנדע געשיכטעס פון בעלי תשובה, ביכער וואס ווייזן די שיינקייט פון לעבן א תורה'דיג לעבן. אט די פרויען טוען א גרויסע ארבעט. און עס זענען נישט דא גענוג פון זיי.

איז עס ווענד זיך וועלכע מאדעל איז געאייגנט צו דיין נאטור און וואס דו ווילסט דערגרייכן. אבער, אויב נאכן טראכטן, טרעפסטו נישט פאר דיר א מאדעל, דעמאלטס רעדט דיך דורך מיט איינעם. עס זענען דא גוטע מענטשן זיך צו דורכרעדן, וועלכע קענען דיר געבן אנווייזונגען אין עבודת השם.

א מאן זאל זיך אויך אומקוקן פאר מאדעלן. אויב האט ער א קאפ זאל ער טראכטן "אפשר קען איך ווערן א גדול בתורה." דו וועסט זיין איבערראשט, אפילו דו הייבסט אן שפעט אין לעבן, קענסטו נאך ווערן א גרויסער תלמיד חכם אין די זייטיגע צייטן.

געוויסע מענטשן קענען טרעפן א מאדעל – א חסיד. איך מיין נישט מיט "חסיד" איינער וואס איז נישט קיין מתנגד. "חסיד" מיינט אן עבד השם. ער לערנט וויאזוי אריינצולייגן זיין גאנצע הארץ אין תפלה. ער לערנט וויאזוי אריינצולייגן זיין גאנצע הארץ אין טראכטן פון הקב"ה, אויפ'ן דרך פונעם חובת הלבבות.

עס זענען דא אלע סארטן פון מאדעלן וועם דו קענסט נאכפאלגן אין לעבן. גרויסע מאדעלן פון דינען דעם אויבערשטן. איז קוק דיר ארום ביז דו טרעפסט דעם מאדעל וואס איז די בעסטע געאייגנט פאר דיין פערזענליכקייט. און דאן נעם דיר צו דער ארבעט.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com